זעהר שטארק אין כעם פאר׳ן אפ־
זאג...

נאר קודם איינעגע קורצע ווער־
טער וועגן בריסקער רב.

דער בריסקער רב, ר׳ וועלוועלע סאלאווייטשיק, שטאמט פון דער בארימטער וואלאזשינער דינאס־טיע. ער איז דער זוהן פון דעם וועלט־בארימטען גאון רבי חיים בריסקער. נאך דער פטירה פון זיין פאטער ביז דער לעצטער מלחמה איז ער געווען רב פון בריסק. אין דער צייט פון דער מלחמה האט ער זיך געראטעוועט קיין ארץ ישראל. אין ישראל האלט ניט רבי וועלווע־לע אפיציעל קיין רבנישע שטעלע. אבער ער איז נאך אלץ דארט דער בארימטער בריסקער רב, אזוי ווי מען רופט אים אין דער אידישער וועלט.

און נאך מער:

רבי וועלוועלע איז היינט אין דער תורה־וועלט פאררעכענט פאר איי־נעם פון די געציילטע גרעסטע רבנישע פערזענליכקייטען. צו זיין ווארט הערען זיך צו אלע רבנים און אלע ישיבה בחורים מיט גרוים יראת הכבוד.

ווען עפעס קומט פאר אין ישראל ווילען אלע הערען, קודם כל, וואס זאגט רבי וועלוועלע? מען קאן אפילו זאגען, צי דירעקט, צי אינ־דירעקט הערען זיך־צו צו אים די רעליגיעזע פארשטעהער פון דער רעגירונג און פון דער כנסת. זיין השפעה אין די רעליגיעזע קרייזען אין ישראל ווי איבער דער וועלט איז זעהר גרויס, און עס פארשטעהט זיך, אז מסתמא ניט זעלטען איז אויסגעקומען בן־גוריון׳ען צו הע־רען ווי רעליגיעזע פירער דערמא־נען ר׳ וועלוועלע׳ס מיינונג אין געוויסע ענינים, ווי מען פלעגט דערמאנען מיט עטליכע יאר צוריק די מיינונג פון דעם בארימטען „חזון איש” פון בני ברק, וועלכער איז נפטר געווארען מיט פינף יאר צוריק.

דער לעזער וועט זיך דערמאנען, אז מיט זעקס יאר צוריק האט בן־גוריון באזוכט דעם „חזון איש” אין בני ברק און האט געהאט א שמועס מיט אים.

נאך דער פטירה פון „חזון־איש” איז פארבליבען ר׳ וועלוועלע, לאי״ט, ווי שוין דערמאנט, פון די געציילטע גדולי הדור אויף וועמען אלע רעליגיעזע פירער און רבנים קוקען ארויף, און צו וועמענ׳ס ווארט זיי הערען זיך צו.

און דעריבער איז צו פארשטיין וואָרום בן־גוריון האט איצט גע־וואלט געהן זעהן ר׳ וועלוועלע׳ן. עס איז מסתמא דער זעלבער מא־טיוו וואס האט אים פריהער גע־פירט קיין בני ברק צום „חזון איש”.

אבער לײדער איז דער צוזאמענ־טרעף ניט פארגעקומען. און א סך רעליגיעזע אידען האלטען, אז עס איז א שאד וואס די צוויי גרויסע פירער, פון די צוויי לאגערען, הא־

נייעם צום „עין בעין” איז צו דער מעשה צוגעקלעפט געווארען דער „זאג” פון „פרק”, פון „אל תתוודע לרשות”.

הרב מנחם פרוש איז נאך געווען

אז אויך ר׳ וועלוועלע, טראץ דעם וואס ער האט ניט אויפגענומען בן־גוריונ׳ען, האט ערקלערט, אז די איינציגע סיבה פאר דעם איז ווי־דער געווען צוליב׳ן כבוד פון מלכות.